גליון לחיזוק
וביסוס הבית
היהודי על אדני
השמחה והשלום
גליון י'

# בנין עדי עד

אויסגאבע פון חיזוק
און השקפה פאר
די אידישע שטוב,
אריינצוברענגען
שמחה און שלום
תשע"ב לפ"ק

# בנה ביתך

## וואס איז דער ציהל ?

**אין א הערליכן זומערדיגן סיון טאג, ווען די זון האט געשיינט מיט'ן פולן קראפט, און איך האב שוין געהאלטן לאנג נאך פת שחרית, האב איך באגעגנט אין גאס א פרישער חתן שפאצירנדיג ווי א קעניג מיט זיין באגלייטער צוועלף אזייגער נאכמיטאג, אויפן וועג צו דאווענען שחרית.**

**זעהנדיג אז דער חתן איז מיין באקאנטער, האב איך אים באגריסט, וועלנדיג עפעס רעאגירן אן פרעגן די אויסגעדראשענע שאלה "וויאזוי איז דיין שלום בית"? האב איך אים א פרעג געטון "זאג נאר, קענסט מיר אפשר זאגן פארוואס דו האסט חתונה געהאט"?**

**ער האט געעפנט אויף מיר אפאר אויגן מיט גרויס וואונדער, אזוי ווי איך וואלט דא געפרעגט די נארישסטע שאלה וואס ער האט נאר אמאל געהערט, און ער האט מיר מיט אזא ביטול גענטפערט "דו ווייסט נישט אז רוב פון מיין כתה האט שוין חתונה געהאט, וואס האסטו געוואלט איך זאל בלייבן אן אלטער בחור"?**

דאס איז דער ענטפער וואס איר וועט באקומען פון רוב חתנים און כלות, אינגעלייט און פרויען צוגלייך, ער איז געווארן א חתן ווייל זיין כתה איז שוין ארויס פון ישיבה, און זי איז געווארן א כלה ווייל עס איז נישט דא קיין סקול נאך צוועלעפטע קלאס.

און די זעלבע ענטפער קענט איר אויך באקומען פון ווען איר וועט נאר אפשטעלן, אלע בערך מיט דעם זעלבן תירוץ, איך האב חתונה ווייל יעדער האט חתונה, און איך קען נישט ארויס פאלן. און עס בלייבט טאקע זיך צו וואונדערן, צו איז טאקע די גאנצע שמחת חתן וכלה נאר דערפאר ווייל ער איז נישט געווארן אן אלטער בחור, און זי א פארזעסענע מויד?

מען שטעלט זיך נישט אפ קיין סקונדע טראכטן, פארוואס און פארוואס מען האט חתונה געהאט, וואס איז דער ציהל, און פארוואס דער רבש"ע האט אויסגעשטעלט דאס לעבן פון מאן און פרוי אויף דעם אופן, און פארוואס פעלט דאס מיר בכלל אויס צו נעמען אויף זיך דעם שווערן עול פון לעבן בשותפות מיט נאך איינעם, אלע באשעפענישן ברענגען אויך קינדער אויף די וועלט, און דאך פעלט זיי גארנישט, זיי דארפן זיך נישט מוטשען, ברענגען פרנסה, און זיי דארפן אויך נישט טראגן אויף זיך דער עול פון א משפחה.

אפשר איז שוין צייט נאכדעם וואס מען הערט אזויפיל שלום בית פראבלעמען, מען זאל איינפירן אז עס זאל זיין ישיבה און סקול ביז לכל הפחות די פינף און דרייסיג - פערציג, מען וועט אראפנעמען די סטיגמא פון "אלטער בחור" און חתונה האבן אין די יארן וועט זיין א לכתחלה, אפשר אז מען וועט חתונה האבן ווען מען וועט זיין מער באזעסן, וועט מען זיך בעסער פארשטיין?.

דאס איז נאר א ווערטל, זיכער דארף מען חתונה האבן אין די צייט ווען די חז"ל האבן באשטימט, איי מען איז נישט באזעסן, זעהט אויס אז מען קען דאס אמת'דיג לעזן אויף א צווייטע וועג.

יעדע זאך וואס א איד טוט אויף דער וועלט, דארף ווערן געטון מיט א ציהל. ווען א איד מאכט א ברכה אויף אן עפל און עסט דאס, דער ריכטיגער און פראקטישער ציהל פון דעם איז, ווייל ער איז הונגעריג, און דורך דעם וואס ער עסט דעם עפל, וועט ער שטילן זיין הונגער, ער האט גענומען דעם עפל מיט א ציהל, און דורכ'ן עסן האט ער ערפילט דעם ציהל.

[עס איז אויך דא אן העכערער ציהל, וואס איז שייך בעיקר פאר מענער, מען זאל אינזין האבן אז מען עסט נאר כדי צו האבן כח פאר עבודת ה'. און נאך העכער אז מען זאל אינזין האבן צו מעלה זיין די נשמות וואס ליגן אין דעם עסן, און עס איז דא ביי דעם מדרגות אויף מדרגות, וואס דא איז נישט דער פלאץ פון דעם. אבער די אלע כוונות און מדריגות הייבט זיך אן נאר, נאכדעם וואס מ'האלט ביי דעם פראקטישן ציהל פון עסן, אז מען עסט ווייל יעצט "דארף" מען עסן].

ווען איינער וועט עסן אן א ציהל, נישט ווייל ער איז הונגעריג, נאר ווייל דאס עסן איז רייצענד, דער מיטל וועט ווערן זיין ציהל, וועט דאס אים ברענגען נאר שאדן, און עס פעלט בכלל נישט אויס קיין איבריגע הסברים פאר דעם, מען פארשטייט דאס זייער גוט, אז ווען א מענטש איז דיסציפלינירט צו עסן נאר ווען ער דארף, און וואס עס איז "גוט" פאר אים, איז א געזונטער מענטש, און אפשר אויך מער א באזעסענער מענטש.

ווען עס קומט צו חתונה האבן איז די זעלבע זאך.

מען קען חתונה האבן אן א ציהל נאר פשוט ווייל מען טראכט, אז אזוי איז גוט און אנגענעם, און אזוי טוען אלע, מען האט א אייגענע

גליון זה נתנדב לע"נ הגה"צ ר' ישכר שלמה ב"ר יצחק טייכטאהל זצ"ל הי"ד מח"ס שו"ת משנה שכיר, נפטר י' שבט

צו מנדב זיין א גליון לעילוי נשמת וכדו' כדי לזכות את הרבים רופט: 347-554-1199 אדער שיקט א אימעיל צו binyan@yeshivanet.com

דירה, מען קען זיך קליידן וויאזוי מען וויל, מען האט נישט מער דעם עול פון די עלטערן אויף זיך, און מען קען פארוויילן און גיין שאפינג אן דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר א משגיח אדער א העכערע אויטאריטעט.

דאס איז חתונה געהאט אן א ציהל אין לעבן, סתם צו פוסטעווען די צייט, און גייענדיג אונטער די חופה מיט אזעלכע געדאנקען, איז גאראנטירט ארויס צוקומען די מערסטע אומאנגענעמליכקייטן.

נאך א קורצע צייט לעבן מיט די געדאנקען, ווערט מען זיך גוט אויסשוכענען, און איינזעהן אז עס ארבעט זיך נישט אויס פונטקליך וואו מען וויל, דאס לעבן איז נישט קיין מוציא מיט האניג, און מען האט נישט אזויפיל קאנטראל אויפ'ן לעבן וויפל מען האט געמיינט פאר די חתונה ווען אלעס האט זיך געביקט און געטון וואס דו האסט געוואלט, און מיט די צייט אז מען ווייסט נישט פארוואס מען האט חתונה געהאט, און וואס דאס מיינט, זעט מען זיך ארום צופליקט פון ביידע זייטן, און עס ווערט באמת זייער שווער א קשיא "פארוואס האט מיר דאס אויסגעפעלט"?, און ווען די קשיא איז שווער, ווערט דאס מיט די צייט נאך שווערער, ביז עס קען ווערן אומדערטרעגליך.

און אפילו מען ווערט נישט טראכטן אזוי עקסטרעם, אבער מען ווערט אנעמען אז דער ציהל פון חתונה האבן איז, עס זאל "מיר" גיין גוט, "איך" האב איינע וואס שטעלט מיר צו פרישטאג, מיטאג און נאכטמאל, וואשט מיר אויס די וועש, און מאכט "מיר" באקוועם דאס לעבן. אדער אז "איך" האב א מאן וואס ווערט "מיר" אויסהערן און פארשטיין, ער ווערט מיר ברענגען געלט ווען "איך" דארף, און מיר צושטעלן אלע מיינע געברויכן. און אלעס ווערט זיך דרייען ארום די אייגענע ד' אמות, איך דארף, און איך וועל באקומען, און אזוי וועל איך זיין צופרידן, ווערט אויך נישט זיין דאס לעבן צופיל בעסער.

עס איז אמת אז עס דארף אזוי צו זיין, איינער זאל שטיצן און ארויסהעלפן דעם אנדערן מיט זיינע געברויכן. און עס קומט זיך דיר דאס. אבער דאס אז "דו" זאלסט באקומען, איז נישט "דיין" ציהל, די שטיצע וואס דו באקומסט, איז נאר א מיטל דו זאלסט אנקומען צו דיין ציהל, דיין עיקר ציהל איז באמת פונקט פארקערט.

אבער איידער מען פארשטייט בעסער און גרונטליכער דער ציהל און "פארוואס" מען האט חתונה געהאט, דארף מען צום ערשט אריינטראכטן אין א טיפערע שאלה, "וואס" מיינט דאס פאר מיר חתונה האבן? צו איז דער איבערגאנג פון נאך דער חתונה, נאר דאס אז מען האט אן אייגענע דירה, און מען טוט זיך אן אנדערש, אדער עס דארף צו פאסירן א וועזנטליכע טויש אין דעם מענטש אליין? און אויב יא מיט וואס?.

דער פאקט אז מען קליידט זיך אנדערש, דאס מאכט נאך נישט קיין טויש אין דעם עצם מענטש, דאס איז מער א אויסערליכע זאך [פארשטייט זיך אז די קליידונג פון דעם מענטש האט אסאך צו זאגן און ווייזט אויף זיין פנימיות, אבער זיכער גייט מען נישט אונטער די חופה נאר כדי אנצוטון א שטריימל אדער א טיכל], אודאי נישט דאס אז מען דינגט צוזאמען א דירה, ווייל אין ישיבה אדער אין קעמפ, האסטו שוין אויך געטיילט א צימער מיט נאך איינעם. האבן אייגענע מעבל, אדער אן אייגענעם טעלעפאן נאמבער, מאכט נאך זיכער נישט קיין טויש אין דעם מענטש אליין, אויב אזוי, וואס האט דא פאסירט ווען דו האסט חתונה געהאט, צו איז טאקע נאר די אלע דרויסנדיגע זאכן, די איינציגסטע איבערגאנג פון א בחור/מיידל צו א אינגערמאן/פרוי?.

דער ענטפער שטייט קלאר אין די תורה: וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד. מאן און פרוי דארפן נאך די חתונה זיך באהעפטן צוזאמען און ווערן איינס. נישט ווי צוויי באזונדערע אביעקטן וואס מען האט צוזאמען געקלעפט אדער פארקניפט, נאר "אחד" ווי איינס ממש.

גאר קליינע שטיקלעך גרינצייג פון וואס מען האט געמאכט א סאלאט, אדער קאקוי מיט צוקער וואס מען מישט אויס, כאטש עס איז גאר גוט צוזאמען געמישט, און אלעס דינט דעם זעלבן צוועק, איז דאס נאך נישט ווי איינס, ווייל יעדע שטיקל איז עקסטער פאר זיך, און דאס פארעמט נאכנישט א ריכטיגע אחדות.

אז מען ווערט אבער נעמען מעל, וואסער, אייער, הייוון, דאס אויסמישן און אפבאקן אין אויוון, ווערט ארויסקומען א נייע באגריף אינגאנצן, א ברויט, וואס אין יעדע איינציגע שטיקל ברויט, ליגט אלע באשטאנדטיילן פון וואס דאס איז צוזאמען געמישט, די זעלבע איז ווען מען נעמט מילך, וואסער, קאווע שטויב, צוקער, און מען מישט דאס צוזאם, קומט ארויס א נייע סארט געטראנק מיט א פרישן געשמאק. דאס מיינט א ריכטיגע אחדות, אז נאך דעם וואס די אלע טיילן ווערן צוזאמענגעשטעלט, קומט ארויס איין נייע זאך אינגאנצן וואס איז פאר דעם נישט געווען.

פונקט אזוי איז דאס אחדות פון א מאן און זיין פרוי, עס דארף זיך צווישן זיי אויספארעמען א געוויסע נייע סארט מציאות, וואס קומט ארויס דורך דעם וואס די צוויי האבן חתונה געהאט, עס איז נישט גענוג דאס אז זיי האבן צווישן זיך א שותפות אפמאך, און זיי ארבעטן צוזאמען אויף געוויסע פראיעקטן, נאר זייער חתונה האבן דארף זיי צוזאמענברענגען אז עס זאל פון זיי ארויס קומען א נייע סארט געדאנקען גאנג וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט פון זיי ביידע, און וואס האט אינגאנצן נישט עקזיסטירט פאר דעם, און דער יסוד איז אז עס איז מער נישט דא קיין "איך" אדער "דו" נאר איין נייע געברויך וואס רופט זיך "אונז". און נאר אזוי איז דא ריכטיגע קאמיוניקאציע צווישן זיי.

אזא סארט אחדות און שלום פארלאנגט די תורה ווען מען האט חתונה, און דאס איז דער דראסטישער איבערגאנג וואס דארף אריבער גיין אויף א בחור און א מיידל וואס האבן חתונה, אז אלע זייערע איינפירונגען און מיינונגען, באקומט אן אנדער באדייט פון וואס עס איז געווען פאר דעם. און דאס איז דער ציהל און תכלית פון חתונה האבן, און דאס איז דער שלימות פון מענטש.

און אז די תורה פארלאנגט דאס, פארשטייט מען אליין, אז כדי עס זאל ארויסקומען פון זיי וואס מען דארף ערווארטן, עס זאל הערשן צווישן זיי אהבה אחוה שלום ורעות, און אז זייער שטוב זאל זיין אוועקגעשטעלט אויף די יסודות וואס די תורה פארלאנגט, און אז די קינדער וואס וועלן נאכקומען זאלן ממשיך זיין אין דעם דרך התורה, קען דאס זיין נאר אויב עס ווערט מקויים דער "והיו לבשר אחד". זיי זאלן זיין ווי איינס. און דאס איז דער שליסל פון שלום בית, און פון חינוך הבנים.

אבער כדי אנצוקומען צו דעם דארפן ביידע עפעס צושטעלן צו דעם, עס פארלאנגט זיך ארבעט פון דעם מאן און פון די פרוי, און דער וועג אנצוקומען צו דעם איז לאנג און גרויס, און אין מערסטע פעלער נישט גרינג. און האפנטליך אין די קומענדיגע קאפיטלעך וועלן מיר בעז"ה דאס קענען אויסשמועסן מער בפרטות.

# בחכמה יבנה בית

## רעיון בנושא שלימות הבית, בקשר לפרשת השבוע

***יש לאדם להשתדל מאד בשלום ביתו ולא יהיה חטא בביתו (לשון קדשו של המהר"ל מפראג)***

כתיב בפרשה (י"ד, כ"ב) ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה והמים להם חומה מימינם ומשמאלם. ואח"כ (פסוק כ"ט) כתיב, ובני ישראל הלכו ביבשה בתוך הים והמים להם חמה מימינם ומשמאלם.

וכבר דקדקו בספרים, למה בראשון כ' בתוך הים ביבשה, ובשני להיפך ביבשה בתוך הים, עוד דייקו מה שבראשון כ' חומה מלא בו', ובפסוק שני הוא חסר.

**אות ס' רומז לאשה**

ויש ליישב בדרך רמז. ונקדים מ"ש במדרש רבה (בראשית פרשה יז) א"ר חנינא בריה דר' אידי מתחלת הספר ועד כאן אין כתיב סמ"ך כיון שנבראת נברא שטן עמה ואם יאמר לך אדם הוא הסובב תאמר לו בנהרות הכתוב מדבר ע"כ. פי' שמתחלת ספר בראשית לא כתיב האות ס', עד הכתוב (ב' כ"א) ויפל ה' אלקים תרדמה על האדם ויישן ויקח אחת מצלעותיו ויסגר בשר תחתינה דמיירי מבריאת האשה, והטעם ששם הוא תחלת האות ס', דכיון שנבראת האשה נברא שטן עמה, ואם יאמר לך אדם הלא לעיל מיני' (פסוק י"א) כבר כתיב בתורה האות ס', שם האחד פישון הוא הסבב את כל ארץ החוילה. וכן להלן (בפסוק י"ג) ושם הנהר השני גיחון הוא הסובב את כל ארץ כוש. זה לא קשה, כיון שזה כתיב אצל הנהרות.

והדבר מתמיה ומפליא, הלא הקושיא חזקה הוא ובמקומה עומדת, שאם כבר כתיב האות ס' איך אפשר לרמז כיון שנבראת האשה נברא שטן עמה, הלא כבר כתיב האות ס' לעיל מיני', ומה נתיישב לן בזה שבנהרות הכתוב מדבר.

ויראה הכוונה ע"פ מ"ש חז"ל (יבמות ס"ב:) השרוי בלא אשה שרוי בלא חומה דכתיב נקבה תסובב גבר, וביאר המהרש"א ר"ל שאשתו משמרתו מן החטא וממלחמת יצר הרע, שהוא נקרא שונאך וגו', כמו החומה שסובבת העיר ושומרת מן השונאים ע"כ.

ומעתה נכון הדבר לומר דהא גופא שהאות ס' רומזת לאשה, הוא מטעם שתכונת האשה הוא להיות כמו חומה לבעלה, וכן הוא צורת האות ס', כמו חומת המקיף, [ובפנימיות ידוע שהאשה הוא בחי' אור המקיף], ותרווייהו כחדא אזלי, הן שהיא כמו חומה, והן שהיא כמו אות הס'.

אמנם הא בורכא, כי המעלה של חומה נאמרה לשבחה של האשה, והרמז של האות ס' הוא לגריעותא של אשה, ואיך יתקיימו שניהם כאחד, ונאמר דהיינו הך.

**תכונת האשה להיות כמו חומה למעליותא ולגריעותא**

אבל אחר ההתבוננות פשוט שתרתי איתנייהו בה, דהן אמת שהאשה הוא כמו חומה הסובבת את בעלה, ותכונתה הוא להיות מפריע ומונע, אבל יש בה לטיבותא ולגריעותא, ותלוי בהאשה עצמה איך היא משתמשת בזה, אם היא אשה בעלת יר"ש ויראת חטא, ומבינה את ערכה הגדול של עבודת ה', אז הוא כמו חומה בצורה לבעלה להצילו מן החטא שלא יכשל באיסורים, ואז הוא משובחת, וע"ז אמרו חז"ל השרוי בלא אשה שרוי בלא חומה להצילו מן היצר הרע.

אבל כאשר האשה יורדת פלאים, ואין מעשיה רצויים, אז גם הוא תעמוד נגד בעלה כחומה למנוע אותו מלימוד התורה ומעבודת השי"ת, ע"י דרכיה הנלוזים היורדת לשאול תחתי', ואז אדרבה בתכונת נפשה הוא נמשלת לאות ס' שהוא השטן המונע והמפריע מלהפיק רצון ה' כראוי, ושפיר אמרו כיון שנבראת נברא השטן עמה, שכן יש בכחה של האשה להיות כמו שטן לבעלה, אבל בעומק אין זה אלא תכונת הנפש וכח ההשפעה שיש לה לבעלה, שתלוי בה עצמה איך להשתמש בה.

וד"ז מבואר הוא מאד, ע"פ מה שאמרו חז"ל (יבמות ס"ג) על הפסוק אעשה לו עזר כנגדו, זכה עוזרתו לא זכה כנגדו. ורש"י עה"ת כ' זכה עזר לא זכה כנגדו להלחם ע"כ. והוא כדברינו, שתרתי יש בה ותלוי בזכות הבעל, אם הוא זוכה להיות לו לעזר או להיפך.

**האשה מצלת את בעלה מגלי הנסיונות**

ומעתה נבא לפרש המדרש שהתחלנו, דהנה כ' (תהלים ל"ב ו') על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו. ודרשו חז"ל (ברכות ח.) לעת מצא זו אשה. ונת' בספרים הכוונה, כי התאוות מכונה לשטף מים רבים, וכאשר הוא נושא אשה עלול ליפול בשטף מים רבים שיטביעהו, וע"ז צריך כל חסיד להתפלל לבל ישטפוהו מים הזידונים שהם הסט"א והקליפות האורבים עליו להכשילו.

אמנם י"ל בזה כוונה נוספת ולהיפך, דאדרבה לפעמים האדם נמצא בתוך שטף מים רבים, גלי נסיונות ברוחניות ובגשמיות שעובר עליו, וע"י כך עלול ליפול ברשת היצר, והעזר כנגדו הוא החומה בצורה שהעמיד לו הקב"ה להנצל מעבירה כמ"ש המהרש"א הנ"ל, וזהו כונתם על זאת יתפלל וגו' לעת מצא וגו', דבזמן שנמצא במצב נסיון אז אדרבה יהיה לו אשתו לחומת אש סביב וינצל ממים הזדונים הרוצים להטביעו בבאר שחת.


*פאר יעוץ און הדרכה*
*אין ענייני שלום בית*
רופט הרב **יצחק לויפער**
*718-789-1456*
שטרענג קאנפידענשל - גוטע פרייזן
**בהמלצת הרבנים שליט"א**

ולפ"ז א"ש מאד, ונאמר דהפעם הראשון שבתורה דכ' האות ס', בפסוק הוא הסבב רמוז ג"כ על האשה, וכמ"ש בספה"ק שהוא בבחי' נקבה תסובב גבר, והתם מיירי כשהוא למעליותא של האשה, כאשר הבעל נמצא תוך מים רבים, ועוברים עליו גלי גלים של יסורים ונסיונות, אז האשה הוא לו לעזר, וזהו כוונת המדרש "תאמר לו בנהרות הכתוב מדבר" ר"ל דשם מיירי כאשר הבעל הוא תוך נהר השוטף עליו, ומוקף בחבילי צער ונסיונות, ואז אדרבה האשה הוא לעזר ולתשועה להנצל מן השטן, והיא כחומה בצורה נגדו. אבל פסוק השני מיירי באופן ההפוך, שמשתמשת בתכונה להיות לשטן לבעלה, וע"ז שפיר אמרו כיון שנבראת האשה נברא השטן עמה, וכפי שביארנו דר"ל שתכונה זו להיות לשטן לבעלה נבראת עמה, ובה הדבר תלוי היאך להשתמש, לטוב או למוטב.

*

## האשה הוא כחומה כלפי הבעל וכלפי הבנים

וע"פ האמור שהוא הסבב דכתיב גבי נהרות רומז למעליותא של האשה, נראה לומר, דהנה בב' נהרות כ' האות ס', בנהר פישון, ובנהר גיחון, ויש לומר דהני תרתי מקבילות למה שאמרו חז"ל בשבחה של האשה (יבמות ס"ג.) דיינו שמגדלת בנינו ומצלת אותנו מן החטא, ונמצא דמלבד שהאשה סובבת את בעלה לשומרו מן החטא, עוד זאת היא לחומה כלפי הבנים, שאחוזים וסמוכים בה, ומגדל אותם לתורה, ומפריש אותם מן החטא, [וגם בענין זה גופא שמחנכת אותם לתורה נמשלת לחומה, כמ"ש חז"ל (פסחים פ"ז.) אני חומה זו תורה]. ולפ"ז י"ל דנהר פישון רומז להבעל, כי משמעות של פישון הוא ריבוי, ורומז על פו"ר, ונהר גיחון רומז על הבנים כמ"ש (תהלים כ"ב י') כי אתה גחי מבטן, והבן.

*

## השמירה של האשה הוא רק באופן כשיש שלום ביניהם

וכאן יש מקום עמוק להמתבונן כאשר תראה כאן שהאשה הוא חומה בצורה להבעל שלא יכשל ויעמוד על מעמדתו במשמרת הקדושה והטהרה, שאין הדברים אמורים אלא כאשר הוא נמצא במצב של שלום עמה, ושורר ביניהם אהבה ואחוה ושלום וריעות בלי שנאה ותחרות ואף פירוד הלב כלל, אז דייקא יש בה סגולתה המיוחדת שהוא שומרתו, ובפרט בימינו אלה שמכל עבר ופנה הוא חומה פרוצה באין מעצור לרוח, וההזדמנות ליפול בפח יוקשים הוא רגע כמימריה, ואחד מהסגולות להיות ניצול ולעמוד בנסיון כאשר נאמנות אשת נעוריו עומדת למולו לבל יבגוד בה.

וזהו שנמשלה חומת האשה לנהר, כי נהר רומז לשלום כמו שאמרו חז"ל (ברכות נ"ו) אמר ר' חנן שלש שלומות הן נהר צפור וקדרה, נהר דכ' (ישעי' ס"ו י"ג) הנני נוטה אליה כנהר שלום. והמכוון בזה לדברינו, שזה שהאשה נמשלת לנהר שסובב את הבעל כאשר רוצים המים הזידונים לשטוף אותו, היינו רק כאשר שלומים תן כמי נהר, ואז האשה נעשית כנהר הסובב את בעלה, ומונעת אותו מלהכשל, משא"כ כששנאה ותחרות יש ביניהם, אז אדרבה השנאה מביאתו ביותר לידי חטאים חמורים ואין לו ממנה שום תועלת, ואינו מפיק ממנה דברים שבקדושה. [ואף שחז"ל אמרו דיינו שמגדלת וכו' על אשה רעה, מ"מ ברור שלא הי' ביניהם שום שנאה ותחרות והבן].

וכמו כן הך מילתא שיש תועלת מהאשה שמגדלת בנינו, הוא ג"כ רק באופן שהשלום שורה בין ההורים, וזולת זה, אין שיעור וערך מההפסד המוצא את הבנים, שהיו חוסכים הרבה והרבה, אילו היה שורה מיזוג של התאחדות בין האב להאם.

וזה מבואר להדיא בגמ' (יבמות ס"ב:) ת"ר האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו והמדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה והמשיאן סמוך לפירקן עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך ע"כ. וביאר המהר"ל בחי' אגדות, וזל"ק ושייך לומר בזה וידעת כי שלום אהלך ולא תחטא כי יש לאדם להשתדל מאד בשלום ביתו ולא יהיה חטא בביתו ודבר זה מבואר עכל"ק. מבואר היטב מדבריו, דכאשר מתהווה אהבה והכיבוד כראוי לאשתו, אז דייקא יתקיים בו וידעת כי שלום אהלך ולא תחטא, ועל כן צריך להשתדל מאד בשלום ביתו משום שדייקא באופן זה הוא מובטח שלא יבא לידי חטא ואשתו משמרתו, והדברים נוקבים ויורדים לחללי בטן.

*

## האשה הטובה הופכת מים ליבשה, וההיפך הופכת מיבשה לים

ובזה נבא לבאר מקראי קודש שהתחלנו, דהנה יש להעמיק בהנפקותא בין שני התכונות שיש בה, הן שהיא כמו חומה להצילו, והן שהיא כמו חומה למונעתו, דכאשר הוא נמצא תוך שטף מים הזידונים, ואשתו משמרתו, ומצילו להטבע, הרי הוא כמו שהאשה הפכה מים ליבשה, דתחת שהי' נמצא תוך מים השוטפים, מצא מקום מפלט ומנוס על יבשת הארץ, ושוב אין המים הזידונים שולטים עליו, וכאילו עבר מים ליבשה. משא"כ כשהוא להיפך, והאשה מונעתו מלילך כדרכו בעבודת השי"ת, אזי נמצא, שתחת שהי' עד השתא במקום מובטח בשביל הישר, האשה מושכתו ומפילו לתוך מים הזידונים גלי הנסיונות, ונמצא שהאשה הפכה מיבשה לים.

ובזה תדע ותבין הרמז בקרא, הפך ים ליבשה [שזהו תכונת האשה הטובה] בנהר [שלומים] יעברו ברגל בלא פחד ומורא והבן היטב.

ובזה יתבאר היטב שינוי הכתובים, דכאמור חומה רומזת להאשה, וכאשר באו בני ישראל בתוך הים, ואח"כ ביבשה, וכלומר שהוא עומדת כחומה להצילו מן החטא, ואחר שהיא נמצא בים, היא עושית מזה יבשה, אז שפיר הוא למעליותא, ומעשיה רצויים, ונקראת חומה מלא קרי כדכתיב. אבל באופן שהוא ביבשה בתוך הים, שהופכת מיבשה לים, וכלומר שהוא מונעת בעדו מלהתנהג בדרך הרצוי, ומפילו לבאר שחת, אז נהפכת מחומה לחמה, שתחת שהיתה אמורה להיות חומת אבנים נגדו בים דייקא, פרצה גדרותיה, ומעלית עליה חמה, ועליה כתיב (משלי כה) עיר פרוצה אין חומה אשר אין מעצור לרוחו, ומבואר מזה, שפירצת החומה גורמת להיות אין מעצור לרוחו שהוא חמה וכעס, עי' בליקוטי מוהר"ן (תורה נ"ט), וא"ש מאד התכת שני הכתובים זה אחר זה.

בעריכת הרב יצחק לויפער פאר שאלות און הערות אדער צו באקומען דעם גליון binyan@yeshivanet.com
מיר בעטן בכל לשון של בקשה מען זאל האלטן די גליונות פריוואט און נישט צושפרייטן אין בתי מדרשים.